# אוצר השבת

ארויסגענומען פון
ספר אוצר השבת
ע"י הרה"ג
ר' דוד דוב מייזליש שליט"א

## מאכלי שבת

**הרה"צ** אדמו"ר מקיוואשד זצ"ל האט נאכגעזאגט פון זיין רבי'ן הרב הקדוש מבאלזוב זי"ע אז אויב מען לערנט שבת אין דעם ספר אגרא דכלה וועט מען האבן א געשמאקן שבת, און אז מען לערנט אין דעם ספר נעם מגדים וועט מען האבן א זיסן שבת. **שמעתי**

**דער** בעל התניא האט איינגעפירט אז פרייטאג צונאכטס נאך די סעודה זאלן די פרויען לערנען די טייטש פון די פרשה פון די וואך.

**ספר המאמרים תשי"א**

**לערנען** אין דעם ספר 'סדורו של שבת' איז מסוגל אויף צו שפירן די זיסקייט פון דעם הייליגן שבת. ווילאנג מען האט דאס נאכנישט אדורך געלערנט איז נישט מעגליך אז מען זאל שפירן א טעם אין שבת קודש. **אמרי חיים ליקוטים משב"ק אות ג'**

### לערנען אור החיים הקדוש

**הרב** הקדוש מטשורטקוב זי"ע האט געזאגט: זוהר איז מסוגל פאר דער נשמה, אבער ווער ווייסט צו מיר האבן א נשמה? אור החיים הקדוש איז מסוגל פארן נפש, און דעריבער זאל יעדער לערנען פרייטאג צונאכטס אור החיים הקדוש. ער אליין האט דאס אויך געלערנט מיט זיינע קינדער.

**סיפורי מרן הרמ"ח ערך בני הרוז'ינער**

**הרה"ק** רד"מ מטשורטקוב זי"ע האט געזאגט: מיין הייליגע טאטע האדמו"ר הקדוש מרוזין זי"ע האט געזאגט: פונקט ווי אין די פריערדיגע דורות איז דער זוהר הקדוש געווען מסוגל אויף צו ריינהגן די נשמה, אזוי איז אין אונזערע צייטן דאס לערנען אור החיים הקדוש מסוגל צו ריינהגן די נשמה. **דברי דוד**

**צדיקים** האבן געזאגט אז דער פרייטאג צונאכטס האט השם יתברך באשאפן כדי מען זאל לערנען חומש מיט פירוש רש"י.

**הגה"צ כ"ק אדמו"ר רבי יעקב מפשעווארסק זצ"ל**

### בחורים זאלן גיין צו א רבי'ן'ס טיש

**הגה"ק** רבי שמואל ענגיל אבד"ק ראדומישלא זצ"ל האט געזאגט פאר זיינע תלמידים: א גאנצע וואך דארף א בחור לערנען גמרא מיט תוספות, אבער פרייטאג צונאכטס דארף א בחור גיין צו א רבי'ן'ס טיש.

**שמעתי מנכדו הרה"ג רבי אלחנן מרדומישלא - קאשוי זצ"ל**

### זיך צוזאמקומען פרייטאג צונאכטס

**עס** ווערט דערציילט אז אמאל איז געקומען א חסיד צום הייליגן רוזינער רבי'ן זי"ע און האט אים געבעטן אז ער זאל אים זאגן א זאך וואס וועט אים צוניץ קומען אויף זיין גאנץ לעבן.

**האט** אים דער רוזינער רבי אזוי געזאגט: איידער משיח צדקנו וועט קומען וועט דאס אידישקייט שטיין אויף א האר. די עצה זיך צו שטארקן אין אמונה איז, אז מען זאל זיך צוזאמקומען יעדן פרייטאג צונאכטס און רעדן פון די גרויסע צדיקים, ווייל דאס איז א גרויסע תועלת צו מחזק זיין די אמונה מיט די תורה. א רמז דערויף שטייט אין פסוק, יעקב אבינו האט געזאגט פאר זיינע קינדער [בראשית מ"ט א'] הֵאָסְפוּ וְאַגִּידָה לָכֶם אֵת אֲשֶׁר יִקְרָא אֶתְכֶם בְּאַחֲרִית הַיָּמִים. 'יִקְרָא' איז א לשון פון קאלטקייט - אויב איר וועט קאלט ווערן אין די אמונה איידער משיח צדיקנו וועט קומען, איז די רפואה דערצו אזוי, 'הֵאָסְפוּ' - מען זאל זיך צוזאמקומען און רעדן עניני אמונה אין הקדוש ברוך הוא. דערנאך האט ער נאך צוגעזאגט אזוי: איך נעם זיך מיט אייך אויס דריי זאכן, איינס, איר זאלט פאלגן מיינע רייד, צוויי, איר זאלט געדענקען מיינע רייד, און דריי, איר זאלט דאס איבערזאגן ברבים. **אורות ישראל רוזין ויחי**

## ווי לאנג דארף מען אויף בלייבן פרייטאג צונאכטס

**הרה"ק** מצאנז זי"ע האט געזאגט אז די סגולות פון פרייטאג צונאכטס זענען זייער הויך, דעריבער זאל מען עוסק זיין אין תורה און שירות ותשבחות צו השם יתברך, ווייל דאס איז א גרויסער תיקון פאר דעם מענטש'ס נשמה. צום וויינסגסטנס זאל יעדער איינער בלייבן אויף ביז צעהן אזייגער.

## דער תכלית פון שלאפן

**כ"ק** אדמו"ר מסקולען זצ"ל האט געהאט א קפידא אז ער פלעגט נישט פרעגן זיינע אורחים אויב מ'האט וואו צו שלאפן, נאר ער פלעגט פרעגן אויב מען האט וואו אויפצושטיין. ער פלעגט מסביר זיין אזוי: א מענטש דארף אכטונג געבן אויף זיין דיבור צו רעדן מיט א ריינעם שפראך. וויבאלד דער עיקר תכלית פון שלאפן איז כדי דער קאפ און מוח זאלן זיין אויסגערוהט, כדי מען זאל קענען דינען השם יתברך ווען מען שטייט אויף אינדערפרי, דעריבער האט ער געפרעגט אויב מען האט וואו אויפצושטיין.

**אויך** האט ער מקפיד געווען אז מען זאל נישט זאגן 'מ'גייט זיך אראפלייגן', ווייל א איד גייט נישט אויף אראפ, נאר ארויף מיט א הייליגקייט, דעריבער זאל מען זאגן אז מען גייט זיך אנלענען. **השבת נועם הנשמות**

## חשבון מצות של קריאת שמע שעל המטה

**אחדות** הבורא, איין מצוה.
**לא** יהי' לך אלקים אחרים, איין מצוה.
**קריאת** שמע על המטה, דריי מצוות.
**מייחד** זיין הקדוש ברוך הוא אין הימל און אויף דער וועלט, צוויי מצוות.
**מכוון** זיין ביי שמע ישראל, צוויי מצוות.
**נישט** טוען קיין ארבעט בשעת קריאת שמע, צוויי מצוות.
**ליינען** קריאת שמע מיט מורא און אהבה, צוויי מצוות.
**ברוך** שם כבוד וכו', פינף מצוות.
**די** ערשטע פרשה, צוויי מצוות.
**נישט** ליינען איבערהיפנדיג, צוויי מצוות.
**טראכן** פון דברי תורה, פיר מצוות.
**סך הכל, זעקס און צוואנציג מצוות.**

## שלום זכר

**דער** מנהג איז אז ווען עס ווערט געבוירן א בן זכר, מאכט מען נאך די סעודה פרייטאג צונאכטס א שלום זכר דארט ווי דאס קינד איז.

**מען** רופט דאס שלום זכר, ווייל די חז"ל זאגן [נדה ל"א] אז ווען עס קומט א זכר אויף דער וועלט קומט שלום אויף דער וועלט, דעריבער רופט מען דאס שלום זכר. **אוצר כל מנהגי ישורון סי' כ"ז**

**דער** דרישה ברענגט א תשובה פון מוהר"ר מנחם, אז עס איז א מנהג צו קומען באזוכן א ניי-געבוירן קינד אום שבת, ווייל דאס קינד איז אן אבל צוליב די תורה וואס ער האט געלערנט איידער ער איז געבוירן געווארן און ער האט יעצט פארגעסן.

**דעריבער** זענען טייל מענטשן מקפיד אז דער שלום זכר זאל זיין דוקא אין דעם הויז וואו דאס קינד געפינט זיך שבת, און זיי זאגן דארט נאך דברי תורה און זינגען זמירות, כדי מען זאל גיין צום קינד און אים טרייסטן.

**נאך** א טעם: וויבאלד דאס איז די ערשטע מצוה וואס מען איז יעצט מקיים, מאכט מען א סעודה אויף דעם אנהייב פון היטן די תורה און מצוות, און מיט רעכט וואלט די סעודה געדארפט גערעכנט ווערן א סעודת מצוה. **מגדול עוז ריש עניני מילה**

**דער** טעם פארוואס מען מאכט דאס פרייטאג צונאכטס, איז ווייל דעמאלטס איז יעדער אינדערהיים. **טו"ז יו"ד סי' רס"ה סקי"ג**

**די** נשמה לערנט תורה איידער זי קומט אראפ אויף דער וועלט, און ווען דאס קינד ווערט געבוירן פארגעסט די נשמה די תורה. אויך זאגט די גמרא [נדה ל] אז מען באשווערט די נשמה איידער זי קומט אויף דער וועלט אז דער מענטש זאל זיין א צדיק. וויבאלד די גמרא זאגט [שבת פ"ו] אז אום שבת האט מען געגעבן די תורה, מאכט מען דעם שלום זכר פרייטאג צונאכטס כדי דאס זאל זיין א סגולה מקיים צו זיין די שבועה וואס דאס קינד האט געשוואוירן צו היטן די תורה וואס ער האט געלערנט. **מהרי"ד פ' תזריע**